# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות....................5:08
מוצאי שב"ק......................6:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך................ירמיה כ"ד-כ"ה
בבלי...........................חגיגה ג'
ירושלמי............בבא קמא כ"ב
תוספתא............עבודה זרה ב'
רמב"ם...............טומאת מת ג'

פרשת תצוה, י"א אדר-א', שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 24 (539)


## אַ וָואְרט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: דוּ זָאלְסְט בַּאפֶעלְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נֶעמֶען צוּ דִיר לוֹיטֶערֶע אֵיילְבִּירְטְן אוֹיל, צֶעשְׁטוֹיסְן צוּ בַּאלַייכְטְן, צוּ אָנְצִינְדֶען שְׁטֶענְדִיג דִי מְנוֹרָה אִינֶעם מִשְׁכָּן.

אִין אַנְדֶערֶע פַּרְשִׁיּוֹת שְׁרַייבְּט גֶעוֶוענְלִיךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", פַארְוָואס זָאגְט דָא דִי תּוֹרָה אַן אַנְדֶערֶע לָשׁוֹן, "דוּ זָאלְסְט בַּאפֶעלְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער"? אוֹיךְ דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער "וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, זֵיי זָאלְן נֶעמֶען צוּ דִיר", זֵיי וָואלְטְן עֶס דָאךְ גֶעדַארְפְט נֶעמֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין, עֶס צוּ נוּצְן אִין דִי מִשְׁכָּן?

דִי לִיכְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה וָואס רוּעֶט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת כ"ב:) דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען עֵדוּת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דִי שְׁכִינָה רוּעֶט בַּיי דִי אִידְן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט"ו, ב') דִי פֶענְסְטֶער פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמָאל פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן בְּרֵייט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעבְּט אַרוֹיס לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

הַיינְט הָאבְּן מִיר לֵיידֶער נִישְׁט קַיין מִשְׁכָּן אוּן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן דִי שְׁכִינָה רוּעֶט אַלֶעמָאל צְוִוישְׁן אִידְן; דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן יֶעדְן אִיד, אָנְצוּצִינְדֶען דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַלֶעמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶט בַּיי אוּנְז, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א) דֶער קָאפּ פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִיז אַ מְנוֹרָה, עֶס הָאט זִיבְּן לִיכְט; דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל. אַ אִיד דַארְף הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגֶען דִי זִיבְּן לִיכְט פוּן זַיין קָאפּ, אוּן מִיט דֶעם צִינְדְט עֶר אָן דִי מְנוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דֶער מֹחַ; וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט בַּאקוּמֶען מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מֶען וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען; וֶוען מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, הָאט מֶען אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוּן אַן עֶרְלִיךְ לֶעבְּן, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת נ"ג:) דִי אִידְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיילְבִּירְטְן, אַזוֹי וִוי אֵיילְבִּירְטְן גֶעבְּן אַרוֹיס זֵייעֶר אוֹיל נָאר וֶוען מֶען צֶעשְׁטוֹיסְט זֵיי, מֶען צֶעדְרִיקְט זֵיי, דִי זֶעלְבֶּע קֶערְן זִיךְ אִידְן צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי יִסּוּרִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער. וֶוען אַ אִיד גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, זוּכְט עֶר חִיזּוּק, אוּן עֶר טְרֶעפְט אַ צַדִּיק וָואס שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ, אוּן עֶר גֶעבְּט אִים אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואס מִיט דֶעם קֶען דֶער אִיד אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, עֶס וֶוערְט אִים זִיס אוּן לִיכְטִיג זַיין לֶעבְּן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְאַתָּה, דַוְקָא דוּ, דֶער צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, זָאלְסְט בַּאפֶעלְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען צוּ דִיר, וַוייל דַיְקָא וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק אוּן מֶען פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר, צוּ דִי לוֹיטֶערֶע אוּן רֵיינֶע אוֹיל וָואס קוּמְט אַרוֹיס וֶוען אַ אִיד וֶוערְט צֶעשְׁטוֹיסְן אוּן צֶעקְוֶועטְשְׁט, דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ זָאל אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד, דֶער אִיד זָאל אַלְץ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶט אִיבֶּעראַל.

(עפ"י תּוֹךְ הַנַּחַל תְּצַוֶּה תשנ"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲבֵרִים

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַלֵיין, וֶוערְט עֶר פוּן דֶעם זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַזוֹי וַוייט אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (תַּעֲנִית כ"ג.) "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא" - אָדֶער הָאט מֶען חֲבֵרִים, אָדֶער וִוינְטְשְׁט מֶען זִיךְ דֶעם טוֹיט חַ"ו. דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע גֶעבְּרוֹיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, וַוייל אָן דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט חֲבֵרִים. חֲבֵרִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ חַבֵר בְּלִינְדֶערְהֵייט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט מֵיינְט זִיךְ, יֶעדֶער זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אוּן אֲפִילוּ דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד אִיז אוֹיךְ נָאר אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. וִוי לַאנְג עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְאֵיינֶעם וֶועט עֶר טַאקֶע זַיין דַיין חַבֶר, אָבֶּער אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס וֶועט אִים אוֹיסְקוּמֶען בֶּעסֶער אַנְדֶערְשׁ, קֶענְסְטוּ נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס טוּן. דֶעריבֶּער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען דַארְף הַאלְטְן אָפְן דִי אוֹיגְן אוּן קֵיינְמָאל קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן בְּלִינְדֶערְהֵייט.

דָאס אִיז גָאר אַ וִויכְטִיגֶער כְּלַל וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּז וִויסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין זַיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף חֲבֵרִים בְּלִינְדֶערְהֵייט, וֶוערְן נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט. דֶער חַבֶר וֶועמֶען מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטְרוֹיעֶט, אוּן יֶענֶער הָאט מַמָּשׁ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט הֶעלְפְן; דֶער זֶעלְבֶּער אִיז גָאר דֶער עֶרְשְׁטֶער דִיר צוּ בַּאגְרָאבְּן וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוֹיס בֶּעסֶער אַזוֹי.

פַארְלָאזְן קֶען מֶען זִיךְ נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיף מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ס, יג) "וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם" - סְ'אִיז פַאלְשׁ צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן אַ מֶענְטְשׁ. וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַיין אַז סְ'אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי וִוילְן נִישְׁט, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶעלְפְן; אַלְץ מֶער עֶפְנְט זִיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

"הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ" אִיז נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט; נִישְׁט אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, "הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ" אִיז שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, זִי וִויל בְּלַייבְּן ווֹאוֹינֶען מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן. מַאךְ דָארְט אַ "הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ"; נֶעם צַאם חֲבֵרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן שְׁטַארְק זִיךְ מִיט זֵיי. מַאךְ אַ חַבּוּרָה אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן מַאכְן אַ שׁוּל; הוֹיבּ אָן מִיט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי צְוֵויי דְרֵיי אִינְגֶעלַייט, אוּן לֶערְן אַ בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ צוּמִי פַאר'ן קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן איךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן פַאר'ן קִינְד אַ צוּמִי; עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט מִיט דִי צֵיינֶער, דָאס אִיז בַּאבֶּע מַעֲשִׂיּוֹת.

וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט אַז אֵייעֶר עֶלְטֶער בַּאבֶּע הָאט אייךְ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן אִיר שְׁטוּבּ וַוייל אִיר גֶעבְּט אַ צוּמִי פַאר אֵייעֶר קִינְד, זַייט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט; אַן אַנְדֶערֶע מָאל וֶוען אִיר גֵייט אִיר בַּאזוּכְן זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען אַוֶועקְצוּלֵייגְן דִי צוּמִי, אַזוֹי וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

אַז דִי עֶלְטֶער בַּאבֶּע שְׁרֵייט: "נִישְׁט גֶעבְּן דִי צוּמִי" - אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ; אִיךְ וֵייס פוּן אַ קָאפְּל וָואס קְרִיגְן זִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר; דֶער מַאן שְׁרֵייט אַז דִי צוּמִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶס פַארְדְרֵייט דִי צֵיינֶער, דִי פְרוֹי וָואלְט נָאכְגֶעגֶעבְּן דֶעם מַאן, זִי זוּכְט נִישְׁט דַוְקָא יָא צוּ גֶעבְּן אַ צוּמִי, זִי זוּכְט נִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת, אָבֶער וָואס זָאל זִי טוּן אַז זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כּוֹחוֹת, זִי וִויל אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, פַאר אַפָּאר מִינוּט זִיךְ קֶענֶען פַארְמַאכְן אִירֶע אָפְּגֶעמַאטֶערְטֶע אוֹיגְן - גֶעבְּט זִי אַ צוּמִי דֶעם קִינְד, קוּמְט דֶער מַאן אוּן שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי צוּמִי, מִיטְ'ן טַעֲנָה אַז דִי צֵיינֶער גֵייעֶן וַואקְסְן קְרוּם. הוֹיבְּט דָאס קִינְד אָן וֵויינֶען, וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע, וֵויינְט דִי מַאמֶע צוּם מַאן: "לָאז מִיךְ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, לָאז מִיךְ אָטֶעמֶען", אִיךְ פְּרוּבִּיר רֶעדְן מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר מִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵייסְט נִישְׁט - וִוי שֶׁעדְלִיךְ אַ צוּמִי אִיז".

דָאס אִיז אַ צָרָה; אַז מַאן אוּן וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם וֶועגְן אַ צוּמִי - דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם. בַּיי אֵייעֶר פַאל אַז אֵייעֶר מַאן אִיז מִיט אַייךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיר טוּט, נָאר דִי עֶלְטֶער בַּאבֶּע, זִי הָאט אַייךְ גֶעהֵייסְן אַהֵיים גֵיין וְכוּ', - זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין בַּאלֵיידִיגְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר**
**זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ב)

<<<<<< מוהַרַא"ש דֶערְצֵיילְט

אוֹיף זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הוֹיבְּט אָן מֶער אוּן מֶער צוּ שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִים צוּ דִי הַאנְט אוּן אִיז אִים גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער "שָׁ'וְא תְּ'שׁוּעַת אָ'דָם" אִיז דִי זֶעלְבֶּע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וִוי דִי וֶוערְטֶער "אֲ' שְׂ'פָתַי תִּ'פְתָּח". דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם אַז וִוי מֶער מְ'זֶעט וִוי פַאלְשׁ סְ'אִיז זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן מֶענְטְשְׁן, אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז בַּיי אַלֶע סָארְט זַאךְ אַזוֹי אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, סְפֶּעצִיעֶל זֶעט זִיךְ עֶס אָבֶּער מֶער אַרוֹיס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אָנְוָוארֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט, נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אִידִישׁ גֶעלְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָבֶער זֵייעֶר נִישְׁט פָארְזִיכְטִיג בַּיי דֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער וָואס זָאגְט צוּ גָאלְדֶענֶע גְלִיקְן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן בַּיי אִים דָאס גֶעלְט, עֶר זָאגְט צוּ אַז מֶען וֶועט מַאכְן דֶערוֹיף טָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּלְט, טְרַאכְט מֶען נִישְׁט צְוֵויי מָאל אֵיידֶער מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַוֶועק דָאס גַאנְצֶע אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט. אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אִיז שׁוֹין פַארְלוֹירְן אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אוֹיסְגֶעזֶעקְלְט אִינְגַאנְצְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאךְ מֶעגְלִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם, אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט דִיר אֶפְשָׁר אִיבֶּערְבֶּעטְן...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָארְן יֶעדֶעס יָאר קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן גֶעלְט. אֵייְנמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ סְכוּם פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן דַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל אַיינְלֵייגְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט בַּיי אִים, אוּן עֶר וֶועט דָאס צוּרִיק בַּאקוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן, פִיל מֶער פוּן דִי גֶעלְט וָואס עֶר לֵייגְט אַיין. דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אַהִינְגֶעגֶעבְּן פַאר יֶענֶעם זַיין גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט. נָאךְ מֶער אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשִׁיקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע סְכוּם וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי צְוֵוייטֶע חוֹדֶשׁ, אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם אִיד אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. אָבֶער דָא הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט... וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם דְרִיטְן חוֹדֶשׁ הָאט אִים יֶענֶער קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶעזֶעצְט דֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט; עֶס טוּט אִים זֵייעֶר לַייד, אָבֶער דָאס גֶעלְט אִיז מֶער נִישְׁט דָא צוּ בַּאקוּמֶען. אוּן דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעבְּלִיבְּן בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל.

וֶוען מוֹהַרַא"ש הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין וָוארֶענֶען אוּן חַזְרְ'ן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דָאס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס וִויל בְּלוֹיז שְׁפִּילְן מִיר דִיר.

דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס גֶעשֶׁעט זֶעלְטְן, דָאס אִיז אַ טָאג טֶעגְלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין אַזַא סָארְט פַּאסְטְקֶע. עֶס זֶענֶען דָא גֶערִיבֶּענֶע שְׁוִוינְדְלֶער וָועלְכֶע גֵייעֶן אַרוּם צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן דָאס גֶעלְט בַּיי זֵיי, וֶועט מֶען מַאכְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט. אוּן וֶוען דֶער שְׁוִוינְדְלֶער הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶענוּג פִישׁ אִין זַיין נֶעץ, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעקְלִיבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעלְט, דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן אַנְטְלוֹיפְט דֶערְמִיט, אוּן עֶר רוּפְט אוֹיס אַז עֶר הָאט פָּשׁוּט אָנְגֶעזֶעצְט אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט דָאס גֶעלְט.

מֶען דַארְף פָּשׁוּט נוּצְן אַבִּיסְל דֶעם שֵׂכֶל אוּן אַרַיינְקְלֶערְן אַז אוֹיבּ אַ פְּרִיוַואטֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז עֶר קֶען גֶעבְּן מֶער פְּרָאצֶענְט פוּן וִויפִיל דִי בַּאנְק גֶעבְּט, אִיז שׁוֹין אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער. דָאס שְׁמֶעקְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט יֶענֶער אָנְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיין פָּנִים, אוּן עֶרְלִיךְ אַרַיינְשִׁיקְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צָאלוּנְגֶען, אוּן מִיט דֶעם גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַזוֹי וִוי אַלֶעס פָּארְט אוֹיף דִי גוּטֶע דִירֶעקְצְיֶע. דָאס אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי דֶער שְׁפִּיל פוּן דִי לָאטֶערִיעֶס אוּן דִי גֶעמְבְּל-שְׁפִּילְן, וואו דִי גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁוִוינְדְלֶער זֶעעֶן דֶערְצוּ אַז אִין אָנְהוֹיבּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינֶען עֶפֶּעס קְלֵיינִיקַייטְן, אוּן דָאס זָאל גֶעבְּן דֶעם אַפֶּעטִיט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאגְן אִים: "דוּ זֶעסְט דָאךְ וָואסֶערֶע גוּטֶע מַזָּל דוּ הָאסְט אַז דוּ פַארְדִינְסְט פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, יֶעצְט לֵייג אַרַיין דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ מַאכְן דֶערוֹיף כֵּפֶל כִּפְלַיִם"... אוּן דֶער נַאר אִיז דֶער וָואס פָאלְגְט זֵיי אוּן לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן דָארְט עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה...

אוּן צוּמָאל גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער. זֵיי קֶענֶען זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס גֵייט אַזוֹי, אַמָאל פַארְדִינְט מֶען אוּן אַמָאל פַארְלִירְט מֶען. פְּרוּבִּיר נָאךְ אֵיין מָאל אוּן דַאן וֶועסְטוּ צוּרִיק מַאכְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט מִיט נָאךְ גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר בָּארְגְט זִיךְ נָאךְ אָן פְרִישֶׁע גֶעלְטֶער מִיט דִי הָאפֶענוּנְג אַז נָאכְדֶעם וֶועט עֶר אַלֶעס קֶענֶען אָפְּצָאלְן אוּן עֶס וֶועט אִים נָאךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אִין דִי זַייט. אוּן וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְלִירְט עֶר אוֹיךְ דִי גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב צוּ זַיינֶע אַלֶע צָרוֹת. עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט טְרֶעפְן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אוּן אִינְצְוִוישְׁן, וִוי לַאנְג מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צוּ בָּארְגְן פוּן דֶעם אוּן בַּאצָאלְן פַאר יֶענֶעם, קוּמְט שׁוֹין אָן דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן מֶען לִיגְט שׁוֹין אוֹיפְ'ן בֵּית עוֹלָם. עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים) אַז גֶעלְט שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הַרְגְ'ט אִים אָבֶּער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נָאר בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר אוֹיף אִים קֶען מֶען זִיךְ אֶמֶת'דִיג פַארְלָאזְן.

## חֲבֵרִים פוּן דִי גְמָרָא

אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מַתִּתְיָהוּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז וֶוען עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ שְׁוֶועִרִיקַייט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אַ צָרָה, פְלֶעגְט עֶר אִינְמִיטְן לֶערְנֶען זָאגְן: "אָמַר רָבָא, אָמַר רָבָא, רָבָא, רָבָא, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אוּן בֶּעט פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה. אָמַר אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַ נָאמֶען פוּן תַּנָּא אָדֶער אֲמוֹרָא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל אִים קוּמֶען צוּ הִילְף. דִי מֶענְטְשְׁן וָועלְכֶע הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר רֶעדְט מַמָּשׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס וֶוערְן דֶערְמַאנְט אִין דִי גְמָרָא. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָּא אָדֶער אֲמוֹרָא שְׁטֵייט אִים פַאר דִי אוֹיגְן.

דָאס זֶענֶען יָא גוּטֶע חֲבֵרִים. אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט אֶמֶת'ע חֲבֵרִים קֶען נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָדֶער גְמָרָא זָאל עֶר שְׁפִּירְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר קֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אִים טַאקֶע זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, צַדִּיק ח"ב אוֹת כ') אַז וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים הֶעלְפְט דָאס אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת מַמָּשׁ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ

>>>>>>

הַטֶבַע. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמַאכְט אַ סֵפֶר "שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" וואו עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע צַדִיקִים צוּ זָאגְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען און גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם. אָבֶּער וֶוען מֶען לֶערְנְט און מֶען בַּאגֶעגֶענְט זִיךְ מִיט נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב, און מֶען קֶען דָאס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ יְשׁוּעָה.

אִין חַזַ"ל וֶוערְט אַ תַּלְמִיד חָכָם אָנְגֶערוּפְן אַ "חָבֵר" (עַיֵין בְּמַסֶּכֶת דְמַאי וּבְעוֹד הַרְבֵּה מְקוֹמוֹת). דָאס מֵיינְט אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם און אַ צַדִיק אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חַבֵר פַאר אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ אִיד אִיז נָאנְט מִיט אַ צַדִיק, דַאן הָאט עֶר אַ רִיכְטִיגֶער חַבֵר וָואס וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס"ג:) זֵייעֶר הַארְבּ אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֵר און נִישְׁט אַלֵיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מִיר גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים און יָא גֶעלֶערְנְט אַלֵיין. דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים און אֲמוֹרָאִים אַלְס חֲבֵרִים. ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים פוּן דֶעם.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים און נֶעמְט זֵיי אַלְס חֲבֵרִים, און עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן און זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף סְתַם חֲבֵרִים וֶועלְכֶע קֶענֶען אִים זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ה' עֶרֶךְ חֲבֵרִים וְחֵלֶק ג' עֶרֶךְ בִּטָחוֹן)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן גֵייט צוּם רֶבִּי'ן אֵיידֶער עֶר פָארְט קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב קוֹיפְן סְחוֹרָה, דֶער רֶבִּי אִיז אִים זֵייעֶר מְחַזֵק.**

**תפב**

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן, און פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב אַיינְצוּקוֹיפְן סְחוֹרָה. זַיין הַארְץ הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְלֶעמְט אַז עֶר דַארְף אַבִּיסְל מְבַטֵל זַיין פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה' פַאר הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה, און דֶערִיבֶּער, גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט דִי סְחוֹרָה קַיין נֶעמִירוֹב, נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט צוּ עֶרְקְלֶערְן פַאר זַיין וַוייבּ דִי פְּרַייזְן פוּן יֶעדֶע סָארְט, אִיז עֶר גְלַייךְ צוּרִיק גֶעלָאפְן אִין שׁוּל, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיין וַוייבּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן הרה"ק רֶבִּי דָוִד צְבִי זי"ע, זִי אִיז אִין אִיר לֶעבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעסְן אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אַ גַאנְצְן טָאג, און זִיכֶער הָאט זִי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי צוּ לֵיינֶען דִי אַלֶע לִיסְטֶעס און צֶעטְלֶעךְ דִי דֶעטַאלְן פוּן דִי אַלֶע סְחוֹרוֹת, יֶעדֶעס מָאל וָואס אַ קְלִיעֶנְט אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען עֶפֶּעס קוֹיפְן הָאט זִי גֶעדַארְפְט לוֹיפְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּ פְרֶעגְן פוּן אִיר מַאן דִי פְּרַייז, בִּיז דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג אַזוֹי, און פוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ דָאס אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל פָארְן אַיינְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה, און דַאן הָאט זַיין וַוייבּ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דָאס זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיטְ'ן גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט. און רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶענְצְלִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט נָאר אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט און גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ'ן גַאנְצְן בְּרֶען אוֹיף אַן אוֹיסְנַאמְלִיכֶע פַארְנֶעם.

**תפג**

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמוּז. אוֹיף דֶעם שַׁבָּת הָאבְּן זִיךְ פְּלוּצְלִינְג צוּזַאמְגֶעקְלִיבְּן אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דֶער רֶבִּי אַבִּיסְל מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַלֵיין שַׁבָּתִים. וַוייל דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דָאךְ בַּאשְׁטִימְט וֶועלְכֶע שַׁבָּתִים מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים דַוְקָא דֶעמָאלְט, און יֶעצְט הָאט מֶען זִיךְ אַלֵיין גֶעמַאכְט אַ שַׁבָּת. [דֶער רֶבִּי הָאט אַיינְגֶעפִירְט זֶעקְס מָאל אַ יָאר וֶוען מֶען זָאל זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען; דְרֵיי מָאל אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, און יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; און דְרֵיי מָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה,

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן זִיךְ צוּפִּיל אָן?



*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר זֶענֶען אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק, מִיר וואוֹינֶען נֶעבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, און לֶעצְטְנְס הָאבְּן זֵיי אוּנְז אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן אַז זֵיי ווִילְן קוּמֶען עֶסְן בַּיי אוּנְז נַאכְטְמָאל, און צוּמָאל קֶענֶען זֵיי שִׁיקְן צוּ אוּנְז אַ קִינְד צוּ שְׁלָאפְן אָן פְרֶעגְן פְרִיעֶר, און דָאס שְׁטֶערְט אוּנְז אַבִּיסְל.

מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ הֶעלְפְן און זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט, אָבֶּער נִישְׁט וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזוֹי אָפְט. אוֹיךְ שְׁטֶערְט עֶס אַבִּיסְל אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל מַיין מַאן לוֹיפְט אַרוּם אַיינְקוֹיפְן אַסַאךְ אוֹיפְאַמָאל, אַז ס'זָאל זַיין גֶענוּג פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער עֶס נוּצְט זִיךְ אוֹיס פִיל שְׁנֶעלֶער וַוייל מִיר דַארְפְן כְּסֵדֶר אַרַיינְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן. און בִּכְלַל ווִילְן מִיר בּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע שְׁטוּב, מִיט אוּנְזֶער פְּרִיוַואטְקֵייט.

מִיר שְׁפִּירְן אַז מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט דוּרְךְ זֵיי, פָּשׁוּט וֶוען זֵיי זֶענֶען פוּל צוּצוּגְרֵייטְן נַאכְטְמָאל, קוּמֶען זֵיי אַרַיין צוּ אוּנְז עֶסְן. זֵיי לַאדֶענֶען זִיךְ אַלֵיין אַיין צוּ אוּנְז, אָן דֶעם וָואס מִיר זָאלְן זֵיי רוּפְן פְרִיעֶר.

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן דֶערְוֶועגְן? אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְפְן מִיר קוּקְן דֶערוֹיף מִיט אַן אַנְדֶערְן בְּלִיק?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּב דִי עֶלְטֶערְן, - אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְווֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר", רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט, "גָדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם, שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מֶער ווִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; גֶעוַואלְד, מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָּאר, מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "בִּיז וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר וָואס מִיר דַארְפְן לַיידְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן?" חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ג.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן? הָאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין", וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייט פְרֶעגְן דָמָה בֶּן נְתִינָה, "רֹאשׁ פְּטַרְבּוּלֵי הָיָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גֶענֶערַאלְן אִין דִי מִילִיטֶער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שׁוּךְ, "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלוֹ", פַאר אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוּרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָדָהּ", און דִי שׁוּךְ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אִירֶע הֶענְט, "וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי שׁוּךְ און דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּבֵּייגְן און זִיךְ מְצַעֵר זַיין. מִיט דֶעם הָאט זֵיי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "נִישְׁטָא קַיין שִׁיעוּר, מֶען אִיז מְחוּיָב מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער".

נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ דֶער אַלְטֶער טַאטֶע און דַיין וַוייבּ דִי אַלְטֶע פְרוֹי; וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף עֶנְק? וֶוער וֶועט טְרַאכְטְן פוּן עֶנְק? אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ פַארְמַאכְן דִי טִיר און זָאגְן: "מִיר ווִילְן לֶעבְּן פְּרִיוַואט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַזוֹי וְכוּ' וְכוּ'".

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, עֶפְנְט אֵייעֶר טִיר פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; טוּט עֶס מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה. מַאכְט אַייךְ אַ שֵׁיינֶע פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, אִיר, אֵייעֶר מַאן מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן; עֶלְטֶערְן נֶעמֶען נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי פְּרִיוַואטְקֵייט, עֶלְטֶערְן מַאכְן דִי לֶעבְּן מֶער זִיס, מֶער קָאוּזִי; זָאגְט אֵייעֶר מַאן זָאל אַיינְקוֹיפְן עֶסְן פַאר אַייךְ און דִי קִינְדֶער, און פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

שַׁבָּת נַחֲמוּ, אוּן נָאךְ אֵיין שַׁבָּת וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט], דֶערְנָאךְ הָאט אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט עֶפֶּעס טוּן אִיבֶּער דִי גְזֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶערוּפְן "פּוּנְקְטְן", וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מֶען וִויל גוֹזֵר זַיין אוֹיף אִידְן, צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער אִין דִי מִילִיטֶער", דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶעוָואלְט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם צוּ מַמְתִּיק זַיין אוּן מְבַטֵל זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, "אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, וָואס בִּין אִיךְ דֶען? אִיךְ פַּאר זִיךְ בִּין דָאךְ אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַּאר הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם פְּלוּצְלִינְג צוּזַאמְגֶענוּמֶען, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען טוּן אִין דֶעם". דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קס"ו) וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז בַּיים צַדִיק, הָאט עֶר אַ מֶמְשָׁלָה.

אִין יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל תּוֹרָה, פְּרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אֶמְצָעוּתָא דְעָלְמָא הֵיכָא" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כ"ד), אוּן בַּיי דִי סְעוּדָה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "רַבִּי יוֹחָנָן מִשְׁתָּעֵי" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ט"ו).

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן עֵשָׂיו אוּן יִשְׁמָעֵאל, יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט פִינְף אוּן דְרַייסִיג פֶעלְקֶער, אוּן לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן זֵיי אַיינְגֶענוּמֶען וֶוערְן דוּרְךְ דִי צְוֵויי מְשִׁיחִין, מָשִׁיחַ בֶּן יוֹסֵף אוּן מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד. אוּן עֶס אִיז דָא אֵיין צַדִיק וָואס אִיז כָּלוּל פוּן בֵּיידֶע מְשִׁיחִין אִינְאֵיינֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט נָאךְ פִילֶע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן. אוּן פוּן דִי גְרוֹיס שְׁטוּפֶּענִישׁ פוּנֶעם עוֹלָם הָאט זִיךְ דֶער טִישׁ צֶעבְּרָאכְן. דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף דֶעם אוּן גֶעזָאגְט, "זִיצְן דֶען דָא גוֹיִם בַּיי מַיין טִישׁ? הַאלְטְן מִיר שׁוֹין בַּיי יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ וָואס דֶעמָאלְט וֶועלְן אוֹיךְ גוֹיִם נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּ צַדִיקִים, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה ב׳, ב׳) וְנָהֲרוּ אֵלָיו כָּל הַגּוֹיִם?!"

דֶער פָּסוּק הָאט אוֹיךְ צוּטוּן מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה, וִוי מֶען קֶען זֶען אִינֶעוֵוייניג, וַוייל אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַלְץ דֶער סֵדֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן גֶערֶעדְט, הָאט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט דִי תּוֹרָה אִין וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט עוֹסֵק גֶעוֶוען.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
## "עצתו אמונה פארברענג" אין וויליאמסבורג

דאס פייער פון הייליגן רבי'ן ברענט וואס א טאג שטערקער און שטערקער איבער די גאנצע וועלט, די לימודים און עצות פון הייליגן רבי'ן ווערן מער און מער פארשפרייט, אזויפיל אידן איבער דער גארער וועלט זענען זיך מחי׳ מיט די ספרים, קונטרסים, און גליונות, מען באקומט גאר אן אנדערע סארט בליק אין לעבן, און אלעס טוישט זיך אזוי שיין צום גוטן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, ווען מען איז זוכה צו שפירן די זיסקייט פון הייליגן באשעפער, וואס דער רבי ברענגט אריין אין אונז.

ספעציעל די שיעורים און בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, זענען גאר שטארק אויפגעכאפט ביי אלע אידישע קינדער, די עצות פון הייליגן רבי'ן, ווי מוהרא"ש האט עס געלערנט מיט אונז, ווערן אראפגעלייגט אויף אזא שיינע קלארע און גרינגע וועג אין די שיעורים און בריוו, ספעציעל געאייגנט פאר'ן היינטיגן דור, מיט די היינטיגע נסיונות און שוועריקייטן; דאס געבט א וועג פאר יעדן איד אין יעדן מצב זיך צו קענען דערהאלטן מיט א שטארקייט, איבערקומען אלע איבערגייעכצער, און צוריק קומען צום אייבערשטן.

אין פילע שטעט איבער די גאנצע וועלט עפענען זיך כסדר נאך און נאך בתי מדרשים "היכל הקודש", וואו עס קומען זיך צוזאם חברים וואס טרינקען אלע פונעם זעלבן הייליגן און לויטערן קוואל, און זענען זיך מחזק אינאיינעם מיט די זיסע עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן, לויט ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז.

און די זעלבע איז מיט די חבורות היכל הקודש; כאטש וואס מען וואוינט ווייט, זענען אבער די הערצער נאנט, אין גאר אסאך שטעט קומען זיך צוזאם תלמידי היכל הקודש איין מאל א וואך, מען זינגט ניגוני אמונה, מען דערציילט מעשיות פון תפלה, מעשיות פון הפצה, מעשיות ווי אזוי מען האט זוכה געווען מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן, און ווי אזוי די גאנצע לעבן האט זיך געטוישט צום גוטן, און אזוי שטארקט מען זיך צוזאמען אין עבודת ה׳.

גלייכצייטיג מאכט מען ביי די חבורות פילע סיומים, וואס מען איז זוכה צו לערנען און מסיים זיין דורכ'ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן. קנאת סופרים תרבה חכמה, מען לערנט זיך איינער פון צווייטן ווי אזוי זיך צו שטארקן אין תורה און תפלה, אין אמונה און יראת שמים, און אזוי ווייטער מיט אלע גוטע זאכן.

אין ארץ ישראל זענען שוין דא היינט וועכנטליכע חבורות אין אלע היימישע געגנטער, און די זעלבע איז אין ענגלאנד און אין קאנאדא, און אין נאך פילע אידישע געגנטער איבער די גאנצע וועלט.

דאס איז אבער נישט געווען ביז היינט אין אמעריקע, און דעריבער איז גרויס די פרייד ביי אנשי שלומינו אז מען האט אנגעהויבן מאכן חבורות אויך אין אמעריקע. די וואך איז פארגעקומען די ערשטע "עצתו אמונה פארברענג" אין שטוב פון איינער פון די חברים אין וויליאמסבורג, א שיינער ציבור אנשי שלומינו איז זיך צוזאמגעקומען דעם מאנטאג נאכט צו פארברענגען אינאיינעם פאר א שעה, מען האט געזינגען ניגוני אמונה, די אידישע ניגונים וואס שלעפן צוריק א איד צום אייבערשטן, מען האט געשמועסט פון שיינע מעשיות פון תפלה און הפצה, און זיך געטיילט איינער מיט'ן אנדערן מיט די טייערע און ליכטיגע ירושה פון הייליגן רבי'ן.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט ער ווייטער אנהאלטן יעדע וואך, מען וועט זיך צוזאמקומען און זיך מחזק זיין, און שעפן פרישע כוחות אנצוגיין מיט'ן דינען דעם אייבערשטן בשמחה ובטוב לבב.

**איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק!**

***

## נייע אפטיילונג "נוסח שבת ויום טוב" אויף קול ברסלב

נאך א רינגעלע אין דעם הערליכע קייט פון דברי חיזוק, שיעורים, דרשות, ניגונים, סיפורים, שמועסן, און פיל מער, וואס מען קען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, ווי ברייט באשריבן אינעם גליון צוויי וואכן צוריק (משפטים), איז יעצט צוגעקומען דעם פרישן אפטיילונג "נוסח שבת ויום טוב", פון וואס פילע אידן האבן זיך שוין מחי׳ געווען און וועלן זיך נאך מחי׳ זיין.

ביים דרוקן נומער 1 פאר אידיש, 5 פאר היכל נגינה, און 4 פאר נוסח, טרעפט מען זיך מיט א הערליכן אויסוואל פון נוסח לשבת ויום טוב, אין צוגאב צו די נוסח פון ימים נוראים וואס איז שוין געווען ביז יעצט אויפ'ן ליין.

דערווייל קען מען שוין הערן די נוסח פון דאווענען קבלת שבת, קידוש, שוכן עד, שחרית, ממקומך, ברכות הפטורה, ראש חודש בענטשן; און אויף יום טוב קען מען הערן מעריבית און קידוש; און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט בקרוב צוגעלייגט ווערן נאך.

אויך קען מען דארט הערן די זמירות לשבת קודש און מוצאי שבת, ווי מען זינגט עס אין ברסלב, מיט נאך שיינע ניגונים וואס מען קען זינגען לכבוד שבת קודש.

פילע גוטע גריסן זענען שוין צוריק געהערט געווארן פון אידן וואס האבן גאר שטארק הנאה געהאט פון דעם נייעם אפטיילונג.

**כבד את ה׳ מגרונך!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל וועבערמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ישראל שלום זעלקאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פוו א מיידל למזל טוב

## זייט מתפלל!

פאר ר׳ **יצחק בן פייגלא**
פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב


## צעבראכן און צעשטויסן

**כתית למאור - ווען איך בין צעבראכן און צעשטויסן, דאס לעבן גייט מיר אזוי שווער, ווי אזוי קען איך זיך אויפלייכטן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 100**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**